# פון דר. ח. זשיטלאָווסקיס בריוו צו ש. אַנ-סקי *)

## פון משה שאַליט

אין אַרכיוו פון דער יידישער היסטאָריש-עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט אין ווילנע געפינען זיך איבער פופציק בריוו, וואָס דר. חיים זשיטלאָווסקי האָט געשריבן אין די יאָרן 1906—1914 צו זיין נאָענטסטן און אינטימסטן פריינט — זיין „טייערן ברודער" — ש. אַנ—סקי, ווי אויך צו זייער ביידנס נאָענטן פריינט שמואל (סאַמואיל לוואָוויטש) גורעוויטש.

די בריוו גיבן אַ רייכן מאַטעריאַל צו דער כאַראַקטעריסטיק פון דר. ח. זשיטלאָווסקי און צו זיין אַרט טראַכטן און טראַכטן. זיי קלערן אויך אויף פיל זייטן פון זיין געזעלשאַפטלעך-ליטעראַרישן לעבן, שטרעבונגען און חלומות, טאָג-טעגלעכע זאָרגן און דאגות.

די בריוו זיינען געשריבן רוסיש אָדער אויף יידיש.

מיר ברענגען בלויז איניקע געציילטע אויסצוגן, וואָס האָבן אַן אינטערעס פאַר דער עפנטלעכקייט.

די אויסצוגן פון די רוסישע בריוו ברענגען מיר אין דער יידישער איבערזעצונג.

וואו ס'איז נישט אָנגעוויזן בפירוש אַנדערש, זיינען די בריוו אַדרעסירט צו ש. אַנ—סקי. די אָריגינאַל-אָרטאָגראַפיע פון די בריוו באַצייכענען מיר יעדעס מאָל אין קלאַמערן.

### 1. צו זשיטלאָווסקיס אָנשויאונגען

21טן יוני, 1909 (רוסיש).

. . . אגב געדענקסטו ווי דו האָסט געלאַכט איבער מיין „2X2=4 ?" איז אָט: די מאָדערנע געלערטע און באַרימטע פיזיקער (פּואַנקאַרע, פּלאַנק א. אַ.) זיינען אויך געקומען צו דעם זעלבן רעזולטאַט. דאָס איינציקע, איינציקע און אַבסאָלוט-ריכטיקע פאַר אַ מענטשן, דאָס איז די דיפערענציאַלע רעכענונג!

אָט פון דעם-אָ אַבסאָלוט-זיכערן טרעפל דאַרף מען אָנהייבן אַרויפצושטייגן צו גאָט.

אין פּאָליטיק בין איך כמעט אינגאַנצן אָפּגעשטאַנען, אָבער מיינע איבערצייגונגען האָבן זיך נישט געענדערט אויף אַ האָר. און ווי אַזוי קענען זיי זיך ענדערן, וויבאַלד זיי זיינען לויט דער דיפערענציאַלער רעכענונג. אין גאַנצן גענומען איז נישטאָ קיין מער קאָנסערוואַטיווער (אין די יסודות) מוח, ווי מיינער, און מיך האָט זייער געוואונדערט, וואָס דער „יעווריייסקי מיר" האָט מיך אָנגערופן „אייביק אומרואיקער". ווי אַזוי! שווער גיט מיר יעדער נייער טריט. זע, וויפיל צייט איז געווען נייטיק, ביז איך בין געוואָרן אַ טעריטאָריאַליסט: פון 1892 ביז 1904! און וויפיל צייט — כדי פון אַן אַבסטראַקטן טעריטאָריאַליזם אַריבערצוגיין צום ציוניזם: פון 1904 ביז 1909. און יעדער נייער טריט — איז נאָר

*) דער אַרטיקל פון מ. שאַליט איז פאַרעפנטלעכט אין „די ליטעראַרישע בלעטער". — רעד.

אַ פאַרבייט פון איין גרייס אויף דער צווייטער אין מיין אייביק איין-און-דער-זעלבער פאָרמולע:

„אַרבעטן פאַרן יידישן פאָלק ביים שיין פון אַלמענטשלעכן סאָציאַליסטישן אידעאַל;

„אַרבעטן פאַר דעם אַלמענטשלעכן סאָציאַליזם ביים שיין פון דער פילאָסאָפיע, וואָס נעמט אַרום די וועלט, דעם מענטשן און גאָט, אַלס איין גאַנצעס."

ניו-יאָרק, 11טן סעפּטעמבער, 1909 (רוסיש).

. . . לויט מיין מיינונג, איז די רעטונג פון יידן אין די נאָרמאַלע, פּראָגרעסיווע פאַקטאָרן פון נאַציאָנאַלער זעלבסט-דערהאַלטונג, וואָס האָבן קיין שייכות נישט צו וועלכע נישט איז באַשטימטע פילאָסאָפישע און רעליגיעזע אָנשויאונגען. אַן אייגן לאַנד אָדער אַן אייגענע שפּראַך. איך פאַרשטיי זייער גוט, אַז מענטשן, וואָס גלויבן נישט, נישט אין דעם ערשטן און נישט אין דעם צווייטן, קומט אויס זיך אָנצוכאַפּן פאַר דער געשיכטע פון יהדות, פאַר די טרערן, וואָס זיינען פון אונדז פאַרגאָסן געוואָרן, פאַר די שייטערהויפנס, אויף וועלכע מען האָט אונדז געברענט. אָבער איך נויטיק זיך נישט אין קיין שום אילוזיעס. און וועגן טרערן און שייטערהויפנס וואָלט איך געווען גרייט צו פאַרגעסן יעדע מינוט, אויב זיי וואָלטן זיך נישט איבערגעחזרט אויך איצט.*)

### 2. וועגן יידיש

5טן מערץ, 1911 (רוסיש, דערנאָך יידיש).

איך בין זיך מודה, אַז מיר איז שוין אַ ביסל שווער צו שרייבן אינטים אויף רוסיש. נישט נאָר מיין מוח, נאָר אויך מיין האַרץ זיינען שוין ענדגילטיק „פאַריידישט". נאָר-איך שרייב דיר דאָך אויף רוסיש, ווייל, ווייזט אויס, דאָס איז נאָך אַלץ די שפּראַך פון דיין האַרצן. אַ יידישער אינטימער בריוו וואָלט דיר, קען זיין, זיך אויסגעוויזן אַ ביסל קינסטלעך. איך וועל דיר אָנהויבן שרייבן אויף יידיש דאַן, ווען אויך ביי דיר וועט זיך אויף אַ נאַטירלעכן אופן באַווייזן די נויטיקייט צו רעדן מיט מיר אויף אונדזער אייגענער שפּראַך.

(יידיש) איך האָב נישט געהאַלטן קיין וואָרט און בין גלייך אַריבער צו יידיש. אויך ווייטער וועל איך דיר שרייבן יידיש. דו אָבער שרייב, ווי דאָס האַרץ דיר

*) דער בריוו איז געשריבן אין דער צייט, ווען זשיטלאָווסקי האָט געדרוקט אין „דאָס נייע לעבן" זיינע באַוואוסטע אַרטיקלען וועגן קריסטנטום אין צוזאַמענהאַנג מיט ל. שאַפּיראָס דערציילונג „דער צלם". אַנ—סקי, שמו א. אַ. האָבן געדרוקט קעגן-אַרטיקלען. פון זשיטלאָווסקיס ענטפער איז קענטיק, ווי ער שרייבט, אַז זיין „באַציאונג צו קריסטנטום און קריסטנטום האָט זיך נישט געענדערט פאַר די לעצטע 22 יאָר, פון דער צייט, זינט ס'זיינען דערשינען זיינע „פּיסלי אָ סודבאַך יעווריייסקאַוואָ נאַראָדאַ". — מ. ש.

טירט דיר. מיך הויבט אַ ברעקל נישט אָן צו אַרן, וואָס רוסיש איז מיר געוואָרן פרעמד, ווי דייטש צ״ב (צום ביישפּיל).

29טן אָקטאָבער, 1912 (יידיש), צו ש. גורעוויטש.

דו וועסט אַוודאי אויף מיר קיין פּאַראיבל נישט האָבן, וואָס איך שרייב דיר יידיש און נישט רוסיש. דעם אמת געזאָגט, האָב איך שוין כמעט פאַרגעסן, ווי מען נעמט אַ רוסיש וואָרט אין מויל. אין אַמעריקע, אין דעם רעכטן קאָך פון דעם „מעלטינג־פּאַט״ (דעם שמעלץ־טאָפּ, אַזוי רופט זיך ביי אונדז די כלומרשטדיקע צו־נויפמישונג פון אַלע פעלקער צו איין פאָלק), בין איך ערשט געוואָרן דער אמתער ייד.

### 3. וועגן פאָלקלאָר

(יידיש) . . . און יעדן טאָג ברענגען די שיפן אַלטע ידענעס און יונגע מיידלעך, און יעדער נפש — אַ מטמון מיט פאָלקלאָר. איך האָב מיר שוין מיינע לונגען אויסגעשריען, געטריבן די יונגע לייט, זיי זאָלן גיין אויפקלייבן די אוצרות, וואָס גייען דאָ אינגאַנצן לאיבוד. אוצרות פון דער גאַנצער יידישער וועלט, פון מזרח, מערב, צפון און דרום, צונויפגעבראַכט אין איין איינציקן פונקט, אַקוראַט ווי זיי וואָלטן זיך בעטן: „נאָט, שעפּט מיט פולע הויפנס!״ אָבער מאַך עפּעס, אַז די הויפנס געהערן צו פוילע הענט (אַמעריקאַנער). די גלייכ־גילטיקייט פון אונדזער היגער יוגנט צו דעם פאָלקלאָר איז נישט צו באַשרייבן. אָבער אירע סיבות קאָן איך גרייסלעך פאַרשטיין. ערשטנס, ס׳רעדט דאָ דער ייד, דער בעל־תכלית: וואָס איז דער נוצן (אָדער וואָס איז דער שכל) פון די אַלע מעשהלעך און לידעלעך? איינער, מיינער אַ פריינט, האָט איבערגעלייענט דיין אַרטיקל וועגן די קינדער־לידעלעך אין דער „יעווריייסקאַיאַ סטאַרינאַ״ און האָט זיך געהאַלטן פאַר די זייטן פון געלעכטער: ווי קומט אַנ—סקי צו אַזאַ שטות? דערנאָך וויל דער יידישער אינטעליגענט טאָן גאָר אַזאַ זאַך, וואָס זאָל מיט אַמאָל ברענגען די „גאולה שלמה״. פאַר ווייני־קער לוינט זיך נישט צו אַרבעטן. נאָר אַזעלכע מענטשן ווערן אין דער לעצטער צייט אַלץ זעלטענער און זעל־טענער. די הויפּט־מניעה בלייבט פאָרט — דאָס נישט פאַרשטיין די וויכטיקייט פון פאָלקלאָר. פריוואַט (און אגב אורחא אין פאָרלעזונגען) האָב איך געפּרואווט דער־קלערן דעם ענין. אָבער עפנטלעך אין „דאָס נייע לעבן״ האָב איך נאָך נישט געהאַט די געלעגנהייט דאָס צו טאָן און אַ חוץ דעם ווילט זיך מיר נישט רעדן וועגן אַן ענין, וואו איך פיל מיך נישט אינגאַנצן אינדערהיים.

ווי וואָלט געווען, ווען דו וואָלסט מיר אָנגעשריבן אַן אַרטיקל וועגן דעם פאָלקלאָר? אָבער אַזוי אַז דער ייד, דער גרויסער בעל־שכל און דער בעל־תכלית זאָל פאַרשטיין די וויכטיקייט פון „איינדל—ביינדל—שטופּ אַ ציינדל״? איך וואָלט דעמאָלט געגעבן אַ פאָר מיינע אייגענע נאָטיצן וועגן דער זאַך און אפשר וואָלט דאָס געהאָלפן, ווייל כ׳לעבן, ס׳איז אַ האַרץ־אויסעסעניש, וואָס אַזאַ רייכער מאַטעריאַל גייט דיר פאַרלוירן. אָבער — שאַ! אַ געניאַלער געדאַנק שניידט דורך ווי אַ בליץ מיין מאַרך! ווי וואָלט געווען, ווען דו זאָלסט קומען אַהער מיט דער מיסיע צו אָרגאַניזירן די אַרבעט פאַר דעם יידישן פאָלקלאָר!! וואָס זאָגסטו צו אַזאַ מין איך פאַל? שטעל זיך נאָר פאָר, וואָס פאַר אַ רושם האָט וואָלט דאָ געמאַכט. „דער באַקאַנטער פאָרשער און שריפטשטעלער (מאָל דיר, מיר וואָלטן זיך מיט דעם וואָרט: „באַקאַנטער״ נישט באַנוגנט) ש. אַנ—סקי וועט געשיקט קיין אַמעריקע פון דער יידישער פאָלקלאָר געזעלשאַפט, כדי צו אָרגאַניזירן דאָ די אַרבעט פאַרן זאַמלען פון דעם פאָלקלאָר־מאַטעריאַל״... קינד און קייט וואָלטן געלאָפן אויפן בייז־וואונדער, און די דריי חדשים, וואָס דו וואָלסט דאָ פאַרבראַכט צו דעם צוועק וואָלטן געוויס געווען די אינטערעסאַנטסטע אין דעם לעבן פון אונדזער קאָלאָניע.

וואָס רעכנסטו וועגן אַזאַ געדאַנק? איך מיין דאָס, כ׳לעבן, זייער ערנסט — און לאָמיר זיך, ווי געהעריק איז, דורכשרייבן וועגן דעם.

איך בין איצטער אַזוי אויפגערודערט געוואָרן פון דעם געדאַנק, אַז דו קאָנסט זיך גאָרנישט פאָרשטעלן.

### 4. וועגן אַ „געשיכטע פון יידישן פאָלק״

21טן יוני, 1910 (רוסיש).

. . . אונדזער פאַנאַנדערגיין זיך אין דעם קוק אויף קריסטנטום *) און אויף די אויפגאַבן פון אונדזער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג האַלט איך פאַר אַזאַ קליינקייט אין פאַרגלייך מיטן גרונט־טאָן פון אונדזער נשמה־איבער־געבנקייט דעם יידישן פאָלק און זיין אַנטוויקלונג אין גלות — אַז איך הויב נישט אָן צו פילן קיין דיסאָנאַנס אין אונדזערע אָנשויאונגען. גייסטיק האָבן מיר זיך אָן קיין שום ספק דערנעענטערט ווי קיינמאָל נישט פאַר די גאַנצע צייט זינט 1892.

נאָר איך וועל אַריבער צום באַריכט וועגן זיך. אַ שווער יאָר געווען פאַר מיר דאָס לעצטע... דערפאַר אָבער האָב איך זיך אָנגעאַרבעט אין דעם דאָזיקן יאָר! לעקציעס, אַגיטאַציע־רייזעס, אַרטיקלען, — און צווישן אָט דעם טייל האָב איך אָנגעשריבן אַ בוך וועגן דער געשיכטע פון פילאָסאָפיע, העכער 600 זייטן, צוויי בענד.

און איצט האָב איך זיך גענומען צו אַ ווערק אַ נאָך מער אָנגענעמע פאַר מיר, נאָך אַ מער זעלבשטענדיקע, דערפאַר אָבער אַ נאָך מער שווערע: איך שרייב אַ 5־6־בענדיקע געשיכטע פון יידישן פאָלק! און ס׳ווילט זיך אַזוי דאָס ווערק ענדיקן צום 25־יאָריקן יובל פון דער שיינען פון די „געדאַנקען״ **) — וועט זיך עס מיר איינ־געבן? איך ווייס נישט.

---

*) זע די הערה אויבן.

**) די אָפּהאַנדלונג „געדאַנקען וועגן די היסטאָרישע גורלות פונעם יידישן פאָלק״ (אין רוסיש), פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1887.

די פינאַנציעלע אָרגאַניזאַציע פון דער דאָזיקער אונטערנעמונג איז נאָך נישט אינגאַנצן איינגעאָרדנט. דערוויל איז פאַראַן 4500 דאָלער, וועלכע פאַרזיכערן דעם האָנאָראַר און די אויסגאַבע פון ערשטן באַנד, און ס'זיינען פאַראַן האָפענונגען, אַז מיין אַרבעט וועט גיין כסדר פאָראויס... אַ סך צייט וועט אויסקומען אָפּצוגעבן פאַר אָט דער אַרבעט. דער האָנאָראַר איז גאָרנישט אין פאַרגלייך מיט דער מאָראַלישער באַפרידיקונג, וואָס די אַרבעט גיט מיר.

איך חלום וועגן דעם, אַז איך זאָל ענדיקן די געשיכטע, אַז זי זאָל מיר געבן כאָטש אַ באַשיידענע יערלעכע הכנסה. דאַן וואָלט איך זיך באַזעצט אין פּאַלעסטינע, ביים פוס פון כרמל, אויפן ברעג ים — און וואָלט זיך גענומען פאַר מיין פילאָסאָפישער סיסטעם.

ניו־יאָרק, 18טן אויגוסט, 1910 (רוסיש).

ווי שווער מיר איז נישט אַמאָל... נאָר תמיד, ווען איך דערמאָן זיך, אַז 23 יאָר נאָך די „געדאַנקען" זיץ איך ווידער איבער דער זעלבער אַרבעט, נאָר אַן אויסגעוואָקסענער און גייסטיק־געשטאַרקטער, פאַרבינדט ווידער מיט איר די זעלבע האָפענונגען, וועלכע זיינען געפלאָסן פול מיט וואַרעמקייט איבער די אָדערן, — האָפענונגען, וועלכע הויבן זיך שוין אָן צו פאַרווירקלעכן אין לעבן, — ווערט עפּעס אַזוי זוניק אויף דער נשמה.

פון אַ שפּעטערדיקן בריוו (יידיש):

. . . וועגן זיך וועל איך דיר הייַנטיקס מאָל ווייניק שרייבן. ס'איז ביי מיר אַן עת־צרה, אַז השם ירחם. דעם ערשטן באַנד (געשיכטע) האָב איך נישט פאַרטיק געמאַכט צו דער צייט. איך האָב מיך צופיל פאַרלאָזן אויף מיין באַקאַנטשאַפט מיט דעם ענין. איך האָב אָבער צו מיין פרייד און טרויער אויסגעפונען, אַז עס זיינען נאָך דאָ גאַנצע אוצרות, וועלכע איך מוז דורכקוקן, איידער איך גיי אַרויס פאַרן עולם. מיין וויסנשאַפטלעכער געוויסן פאָדערט דאָס פון מיר, און איך בין קיינמאָל נישט געגאַנגען להיפוך צו אים. דערוויל אָבער, זאָגט די געזעלשאַפט, קאָן זי מיר נישט צאָלן. און איך בין ווידער — ווי אָפט אין מיין לעבן — מיטן פנים צום אָפּגרונט.

## 5. וועגן ארץ־ישראל

ניו־יאָרק, 3טן יוני, 1913 (יידיש).
(צו ש. אַנ—סקי און ש. גורעוויטש).

. . . איך טראָג מיך אַרום מיט דעם פּלאַן — פון גאַליציע (וואו זשיטלאָווסקי האָט געהאַט אַ טור) אַריינכאַפּן זיך אין ארץ־ישראל. איך וויל סוף־כל־סוף וויסן, וואו איך האַלט מיט מיין ציוניזם. אין אַמעריקע איז, לויט דער איצטיקער נאַציאָנאַלער לאַגע אונדזערער, קיין חידוש נישט ,וואָס איך בין געוואָרן אַ ביסל ציון־קראַנק. און מבינים זאָגן, אַז די בעסטע סגולה צו דער חולאת איז — אַ פּאָר חדשים אין ארץ־ישראל. שפּאַס אָן אַ זייט! איך וויל דאָרטן אויפן אָרט אויסגעפינען, צי איך בין אַ ציוניסט און וואָס פאַר אַ ציוניסט איך בין, אויב איך בין.

וויל אפשר ווער עס איז פון אייך אָדער פון די פריינט אַ פּאָר טאָן מיט מיר אינאיינעם. דאַרף מען שוין איצט אָנהויבן טראַכטן וועגן דעם. אפשר אַ לאָז טאָן זיך מיט דער גאַנצער אייגענער שיירה?

15טן דעצעמבער, 1913 (יידיש).

. . . איך רייס מיך מיט אַלע כחות קיין ארץ־ישראל. איך קאָן איצטער נישט מאַכן קיין ווייטערן ערנסטן שריט אין מיין עפנטלעכער אַרבעט, וואו איך וועל נישט וויסן, צי איך בין אַ ציוניסט, אָדער נישט, און וואָס פאַר אַן אָרט ציוניסט איך בין.

יפו, 13טן מאַי, 1914 (יידיש).

איך בין נאָך אַלץ אין יפו, נאָר אַ פּאָר אַרויסגעפאָרן אין די קאָלאָניעס, וואָס אַרום.

אינטערעסאַנטעס איז זייער פיל. דאָס לעבן איז דאָ אַ קנויל פון פּראָבלעמען. אַלץ צונויפגעפּלאָנטערט אין איינעם: מזרח און מערב, הוה און עתיד, כל המיני יידישע טיפּן וכל המיני יידישע ראָסן און קולטורשטופן. דערווייַלע האָב איך אַרויסגעטראָגן נאָר איין געפיל: אַ גרויסן דרך־ארץ פאַר דאָס יידישע פאָלק. אויב אַ קליין הייפעלע פון אים קאָן אין דעם איצטיקן ארץ־ישראל בויען אַ לעבן, וואָס האָט אין זיך אי גרויס, אי שיינקייט, — און די מאָמענטן זיינען דאָ אין אים אינאיינעם מיט קטנות און זומפּ, — וועט אַזאַ פאָלק נישט פאַרפאַלן ווערן.

איך ווייס נישט, צי וועט ווען עס איז מקוים ווערן די נבואה, אַז דאָס לעבן פון דעם יידישן פאָלק אין ארץ־ישראל וועט ווערן אַ „נס־לגוים". אָבער איינס איז שוין ניכר: אַ „נס ליהודים" איז עס שוין געוואָרן. מיר האָבן שוין איצטער אַ סך — אַ סך צו לערנען פון ארץ־ישראל און וואָס איבערפלאַנצן צו אונדז.

זאָגן אָבער, אַז איך בין נתפעל פון דעם סך־הכל, קאָן איך נישט. לפּחות דערוויַיל נישט.

יפו, דעם 25טן מאַי, 1914 (יידיש).

. . . ווי דאָס הארץ האָט מיר געזאָגט. פון די גרויסע פּלענער — זיין אומעטום, זען אַלצדינג — האָט זיך אויסגעלאָזן (צוליב געלט־מאַנגל) אַ קלענינקער טוריסטישער שפּאַציר איבער די וויכטיקסטע פּלעצער פון ישוב.

דערפאַר אָבער האָט מיר דער חודש אין יהודה זייער פיל געגעבן אין דעם פּרט פון די אַלגעמיינע ציוניסטישע פּראָבלעמען. מיין שטעלונג צו זיי איז אַ סך קלערער געוואָרן. איך וועל מיט אַ סך מער פאַרשטענדעניש קאָנען לייענען די ציוניסטישע פּרעסע און פאַנאַנדערקלייבן זיך אין די באַריכטן.

אָבער ארץ־ישראל איז פונדעסטוועגן ארץ־ישראל.

# די טויערן פון ווילנער געטאָ

## פון א. סוצקעווער *)

**א**

. . . עס האָט אַ לאַנגע פייערדיקע האַנט
די טויערן פון געטאָ אויפגעריסן.
ווי אַ בעטלער שטייט דער טאָג
ביים ראָג
פון געטאָ־וואַנט,
מיט פאַרקילטע גראָשנס אין די פויסטן.
ער האָט נאָך גאָרנישט ניט איבערגעביסן.

זעעוודיקער שטעקן. טאָרבע, צער.
און פאָרויס — צעהוידעטער פאָנאַר,
דורך די שאָטנס — פלאַטערדיקע שלייערן.
אים וואָלט זיך וועלן איצט געוויס אַ שטויס טאָן אַלע
טויערן,

ווי דער העברייער־העלד די טויט־קאָלאָנעס —
און פאַלן דאָ צוזאַמען מיטן געטאָ.

(אָ טויערן, צעיאָמערטע לבנות,
מיט געדאַנקען פינגער איצט באַגלעטע!)

ס'איז מעסערדיקע וואָר.

פון אַלטע דעכער,
פליען אָפּ די שטערן —
קינדער הימלאָזע;
און הערן
ווי עס פיבערט שטומערהייט אַ דור.
אַ דור פון קעמפער, זינגער און פאַרברעכער,
איינגעפלאָכטן אַלע אין איין קנופּ.

ס'איז מעסערדיקע וואָר.

ביי יעדער שטוב
ברענט אַ וואונד — אַ רויטער מוח־יאָמער.
אַן אָסיענבלאַט אין יעדערנס געזיכט.
ווי אַ שלאַנג די אומרואיקייט קריכט
אַריבער,
אַריבער
טויערן
און —
העכער!

---

*) א. סוצקעווער — איינער פון די טאַלאַנט־פולע יידישע דיכטער, וואָס האָט געהערט צו דער גרופּע „יונג־ווילנע" (צו וועלכער ס'האָבן אויך געהערט חיים גראַדע, לייזער וואָלף, א. וואָגלער א. אַ.). זינט ווילנע איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון די נאַציס, איז נישט באַקאַנט געווען דער גורל פון א. סוצקעווער. די לעצטע טעלעגראַפישע ידיעות פון מאָסקווע גיבן איבער, אַז א. סוצקעווער איז געווען טעטיק אין אַ פּאַרטיזאַנען־אָפּטיילונג אין די ליטווישע וועלדער. איצט האָט ער זיך אַדורכגעריסן דורכן פראָנט און איז אין מאָסקווע. דאָס ליד איז אָנגעשריבן און פאַרעפנטלעכט אין די „ליטעראַרישע בלעטער" אין יאָר 1937. א. סוצקעווער איז געבוירן אין 1913, אין סמאַרגאָן. — רעד.

---

דאָס באַקט זיך איינעם איין אין האַרצן גאָר וואונדערלעך. ערנסט, זייער ערנסט וועט מען זיך דאַרפן שטעלן אי צו דעם, וואָס דאָ קומט פאָר, און אי אַנטקעגן דעם. דערהויפּט אָבער אַנטקעגן דעם אויפטראָגן זיך אין גלות צום ציוניזם. שאַרף מוז מען אַרויסטרעטן אַנטקעגן די ציוניסטן, וואָס מאַכן דעם ציוניזם פאַר אַ צענטראַלע אָנגעלעגנהייט פון אונדזער פאָלק. אָבער אויך אַנטקעגן די אַנטי־ציניסטן וועט מען דאַרפן אַרויס אין קאַמף פאַר זייער באַהאַנדלען כלאחר־יד ענינים, וואָס קאָנען באַקומען אַ וויטאַלע באַדייטונג אין אונדזער לעבן.

מיין גרונט־געפיל? אַ טיפער, טיפער רחמנות צו דער וואונדערשיינער אָרעמער (בלוט־אָרעמער) פרינצעסין ארץ־ישראל, וואָס ליגט און פיבערט אין פרעמדע אָרעמס.

אַך, ווען מיר וואָלטן געווען אַזוי רייך און שטאַרק, — ווען מיר וואָלטן אַליין נישט געווען אַזעלכע קראַנקע דלפנים, — אַרויסצונעמען זי פון פרעמדע הענט! אָבער אַזוי — פריער אַליין רייך ווערן, שטאַרק ווערן, ערשט דערנאָך נעמען זיך ווי דער סדר איז פאַר „גאולת הארץ"!

קיין „גאולת העם" איז מיט דער זאַך נישט פאַרבונדן, — דאָס איז די טראַגעדיע פון דער זאַך! —

בערן, 15טן יולי, 1914 (יידיש).

נעכטן בין איך מיט מזל געקומען אַהיים אינגאַנצן אַן אָפּגעשוואַכטער פון דער רייזע, פון אַ לענגערער מאָגן־קראַנקהייט (זעקס וואָכן שוין!) און אַ לייכטן פיבער. קוים וואָס איך שלעפּ די פיס. איך וועל באַלד מסתמא ווידער קומען צו די כוחות.

. . . אין אַ פּאָר טעג אַרום זעץ איך זיך פאַר אַרטיקלען.

אין אַלגעמיין בין איך זייער צופרידן, וואָס איך האָב דיך געפאָלגט און האָב אַריינגעכאַפּט ארץ־ישראל. אַרויסגעריסן מיט די ציינער. איך ווייס איצטער וואו איך האַלט אין דער וועלט מיט ציוניזם. איך האָב מיך אינגאַנצן אויסגעהיילט פון דער ציוניסטישער ראָמאַנטיק. דערפאַר זיינען אויסגעוואָקסן, און זייער באַדייטנד, די פאַר ערנסטע רעאַלע מאָמענטן, וועלכע ער פאַרמאָגט.

איך וועל פרואוון אין מיינע אַרטיקלען מאַכן אַ קלאָרן סך־הכל פון דעם גאַנצן ענין. פון דעם שטאַנדפונקט, אויף וועלכן איך שטיי.